# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

פרשת וארא, ג׳ שבט, שנת תשפ״ד לפ״ק

שנה 13, גליון 15 (635)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:31
מוצאי שב״ק.......................6:03

**שיעורים כסדרן**
נ״ך. איוב מ״ב – שיר השירים א׳
בבלי.................... בבא קמא ע״ב
ירושלמי.................... שבת ל״א
תוספתא......... יום טוב (ביצה) ג׳
רמב״ם................ אסורי ביאה ז׳

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה כָּבֵד לֵב פַּרְעֹה מֵאֵן לְשַׁלַּח הָעָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פַּרְעֹה׳ס הַארְץ אִיז שְׁוֶוער, עֶר וִויל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל״ח) וֶוען אַ אִיד נוּצְט זַיין מוֹיל רִיכְטִיג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיפְ׳ן מוֹיל, מְ׳רֶעדְט זַאכְן וָואס מְ׳דַארְף נִישְׁט, דַאן וֶוערְט פוּן ״רוּחַ פִּיו״ - אַ ״רוּחַ סְעָרָה״, דָאס בְּרֶענְגְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קִטְרוּגִים אוּן נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ.

דָאס מוֹיל אִיז דֶער טוֹיעֶר אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אַ אִיד הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אִין זַיין מוֹיל, נִישְׁט קֵיין חִילוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי טִיף עֶר אִיז גֶעפַאלְן, אִין ווִיפִיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן עֶר נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען, קֶען דֶער אִיד נוּצְן בְּלוֹיז זַיין מוֹיל, אוּן מִיט דֶעם אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ נוּצְן זַיין מוֹיל פַאר גוּטֶע צְוֶועקְן, עֶר נוּצְט זַיין מוֹיל פַאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן עֶר טוּט דָאס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת טָאג נָאךְ טָאג, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער וֶוערְן אַן אֶמֶת׳דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיין מֹחַ וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֶמֶת׳עֶ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מְ׳קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, ווִי אֵיינֶער זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אַ נָאנְטֶער חָבֵר, ווִי אַ קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ זַיין טַאטֶע, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, סֵיי בְּרוּחָנִיּוֹת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרִיקְט אִים, אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ׳ן הַארְץ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ טוּן, וֶועט דָאס אִים נֶעמֶען פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וואו עֶר זָאל זִיךְ נָאר גֶעפוּנֶען אוּן אִים אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט זַיין מוֹיל הֶפְקֵר צוּ רֶעדְן אוּן פְּלוֹידֶערְן נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מְ׳טָאר נִישְׁט, ווִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, רַייסְט דָאס אִינְגַאנְצְן אוֹיס זַיין מֹחַ, עֶס מַאכְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אִין זַיין מֹחַ, סְ׳מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט אוּן נֶעמְט אַוֶועק זַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דָאס אִיז וָואס טֵיילְט אִים אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אִים.

פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ נָאכְדֶעם אַז דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט שְׁוֶוער אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת אִין עֲבוֹדַת ה׳, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מִצְוֹת, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט פַארְלָאשְׁן אוּן פּוּסְט, אוּן עֶר הָאט בִּיטֶערֶע אוּמְבַּא׳טַעַמְ׳טֶע לֶעבְּן.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה אָנְצוּהוֹיבְּן נוּצְן דָאס מוֹיל, רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מְ׳פִילְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אֲפִילוּ וֶוען סְ׳אִיז נָאכְנִישְׁט מִיט קַיין חִיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער דוּרְכְ׳ן נוּצְן דִי מוֹיל אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, וֶועט דָאס הַארְץ שׁוֹין נָאכְקוּמֶען, עֶר וֶועט עֶוֶוענְטוּעֶל אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין גַאנְצֶע וֶועזְן וֶועט אוֹיפְלֶעבְּן מִיט חִיּוּת אוּן סִיפּוּק, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַ גוּטְן טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְכְ׳ן מוֹיל, דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ק׳). דוּרְכְ׳ן אוֹיסְנוּצְן דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִינֶעם מוֹיל הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ אוּן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר אַלֶע קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה פוּן צַדִּיק, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ס׳, כ״א) ״וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים״, אוּן דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער אִיד אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא (סַנְהֶדְרִין

<<<<<<

## מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ״ו) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) ״וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה״, אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִּיק, אִיז ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר ווַייט אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ ווִיל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט נָאר טוּן פְּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּ׳ין, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָאס זָאל זַיין דַיין גְרֶעסְטֶע שְׁטָאלְץ, זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה אוּן זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן רֶבִּ׳ין (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), לֶערְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

אַז מֶען ווִיל הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ - מוּז מֶען גֵיין אִין שׁוּל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, הִלֵּל הַזָּקֵן פְלֶעגְט זָאגְן (סֻכָּה נג.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״אִם תָּבֹא אֶל בֵּיתִי״, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִין שׁוּל, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ – ״אֲנִי אָבֹא אֶל בֵּיתֶךָ״, וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, ״אִם אַתָּה לֹא תָבֹא אֶל בֵּיתִי״, אוּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, אִין שׁוּל – ״אֲנִי לֹא אָבֹא אֶל בֵּיתֶךָ״, וֶועל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז מֶען ווִיל אַ גֶעבּוֹיטֶע שְׁטוּבּ מוּז מֶען גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל.

קוּם אִין שׁוּל, זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת שְׁמוֹת תשפ״ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דְּרַיי הַנְהָגוֹת צוּ טוּן אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי,
י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פַאסְטְן נִישְׁט שׁוֹבָבִי"ם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַאסְטְן.

מִיר זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי טֶעג אִין זָאגְן תְּהִלִּים, מִי יִתֵּן אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַ יוֹם - זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, וַוייל תְּהִילִים אִיז מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִילִים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת - וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ אִיז דָא בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פִירְן זִיךְ אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם וָואכְן אֵיין טָאג אִין וָואךְ נִישְׁט צוּ עֶסְן אַן עֶסְן פוּן אַ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ נָאר עֶסְן וָואס וַואקְסְט; קַאוֶוע אָן מִילְךְ, אוּן גְרִינְצַייג מִיט פְרוּכְט.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִנְהָג בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ אוֹיסְלֵייזְן דִי פ"ד תַּעֲנִיתִים מִיט צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט מֶען דַארְף פַאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע חֵטְא פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים, אָבֶּער מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַאסְטְן, דֶער רֶבִּי לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַאסְטְן, מִיר פַאסְטְן נָאר דִי תַּעֲנִיתִים וָואס דִי תּוֹרָה אוּן דִי חֲכָמִים זָאגְן; יוֹם הַכִּפּוּרִים, אוּן אוֹיךְ דִי תַּעֲנִיתִים מִדְּרַבָּנָן: עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, י"ז תַּמּוּז, ט' בְּאָב, צוֹם גְּדַלְיָ' אוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר; מִמֵּילָא לֵייזְט מֶען אוֹיס דִי פ"ד תַּעֲנִיתִים מִיט פ"ד פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, מֶען גֶעבְּט יֶעדְן טָאג - אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם - פ"ד פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה; עֶס זֶענֶען דָא וָואס גֶעבְּן פ"ד שֶׁקֶל, פ"ד דָאלֶער וְכוּ' - אָבֶּער לֹא פָּחוֹת פוּן פ"ד פְּרוּטוֹת.

דִי דְרַיי הַנְהָגוֹת קֶענְסְטוּ טוּן; זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִילִים יֶעדְן טָאג, גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן אוֹיבּ אִיז גְרִינְג אֵיין טָאג נִישְׁט צוּ עֶסְן אַ דָבָר הַיּוֹצֵא מִן הַחַי.

אַז דוּ זוּכְסְט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, שְׁוֶוערֶע תִּקּוּנִים אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן - וִוי זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שְׁמוֹת תשפ"ד)

>>>>>>

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִיק לֶערְנְט אָבֶּער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סֵיי וִוי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגֶל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרֵייסְט מֶען אִים דִי גְּזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזַא קְלֵיינִיקֵייט וִוי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוּן זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, אוּן דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט אוּן הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען וִוי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער צֶעהְלִים'עֶר רַב זי"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, אוּן אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'ע מִילְךְ אוּן כָּשֵׁר'ע מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת ח"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְּן גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעוִויסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בֶּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, וִוי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בֶּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶּער גֶעפָאלְגְט אוּן נִישְׁט גֶענוּצְט דִי פוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. וַוייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיט'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל

<<<<<<

>>>>>>

זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי״א:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּב׳עֶר צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְּרֵיילִיךְ, מֶער פוּן וִוי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס וֶוערְד.

אוּן אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָב וָואס אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פָּארְשְׁלָאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי וִוינְטֶער, אוּן עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. וִוידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּי׳ן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט וִוי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אוּן דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקֵייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַוְקָא דִי פְּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע״ה)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## לֶערְנֶען שַׁ״ס אוֹיפְ׳ן סֵדֶר, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ דֶעם טֶעגְלִיכְן בְּלַאט?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַסַאךְ יָארְן הֶערְן אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן רֶבִּי׳ן, אִיךְ בִּין אָבֶער גֶעוֶוען פוּן דִי שְׁפִּיצְן אִין יְשִׁיבָה, מִיט גָאר שְׁטַארְקֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְנֶעמֶען. וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּזְט בְּרֶעכְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת סֻכָּה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שַׁ״ס אוֹיפְ׳ן סֵדֶר פוּן אָנְהוֹיבּ, אָדֶער זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ וואוּ מֶען הַאלְט יֶעצְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר פוּנֶעם טֶעגְלִיכְן דַּף גְּמָרָא, אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם טֶעגְלִיכְן בְּלַאט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ** יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן כַּמָּה שִׁיעוּרִים אִין שַׁ״ס; אַ שִׁיעוּר שַׁ״ס כְּסִדְרָן, נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֵיין אֵיין מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.

נִישְׁטָא קֵיין זִיסֶערְס, נִישְׁטָא קֵיין גֶעשְׁמַאקֶערְס - וִוי לֶערְנֶען גְּמָרָא, אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַ״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא, אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ וִוי עֶר זֶעט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, גֶעבְּט עֶר זֵיי אַ פְרֶעג: "זָאגְט מִיר, וואוּ אִיז דֶער גַּן עֵדֶן? אִיךְ וִויל גֵיין צוּם גַּן עֵדֶן", עֶנְטְפֶערְט אִים אַ תַּנָּא: "דֶער גַּן עֵדֶן אִיז דָא"; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַּן עֵדֶן.

דוּרְךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא פַארֶערְכְט מֶען אַלֶעס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט".

לֶערְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: ׳לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבּוֹר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר׳, שֶׁנֶּאֱמַר ׳גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה׳", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ׳", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַאט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ׳.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ״ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזֹּהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ״ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כֻּולָּהּ. עַיֵּין שָׁם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

BreslevCenter.com\answers

צ׳.), וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ". נִישְׁט יֶעדֶער אִיז אָבֶּער דֶער זֶעלְבֶּער סָארְט צַדִּיק, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער הָאט דֶער זֶעלְבֶּער סָארְט חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וִוי דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט צוּ "נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר", אַזוֹי וִוי פְלַאנְצוּנְגֶען, וָואס דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט אוּן גֶעלוּנְגֶענְקֵייט פוּנֶעם פְלַאנְצוּנְג וֶוענְדְט זִיךְ אִין וִויפִיל כּוֹחוֹת מְ׳לֵייגְט אַרַיין דֶערִין, אַז מְ׳הָאט גוּט גֶעאַקֶערְט אוּן גֶעזֵייט, גוּט בַּאוַואסֶערְט אוּן גֶעפְלֶעגְט, אוּן דֶערְנָאךְ גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן סְ׳זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען קַיין וֶוערִים אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס קֶענֶען עֶס שֶׁעדִיגְן, דַאן וַואקְסְט עֶס זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער בּוֹים, אוּן סְ׳גֶעבְּט אַרוֹיס גוּטֶע אוּן זִיסֶע פְּרוּכְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ אִיד, לוֹיט וִויפִיל כּוֹחוֹת עֶר לֵייגְט אַרַיין, אוּן דֶער עִיקָר מִיטְ׳ן מוֹיל וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר גוּט אַיינְגֶעוָוארְצְלְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען בַּאזִיגְן אַלֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְטְן, אוּן זַיין בֶּאֱמֶת דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, מְ׳דַארְף בְּלוֹיז רֶעדְן מִיטְ׳ן מוֹיל, אָבֶּער וַוייל סְ׳הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועןְ דֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דָאס וֶועט אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְלֵייגְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק "כָּבֵד לֵב", פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ אַז דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל אִים וֶוערְן שְׁוֶוער וִוי אַ שְׁטֵיין, עֶר זָאל פַארְלִירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דוּרְךְ "פַּרְעֹה - פֶּה רַע", דוּרְךְ דֶעם וָואס דָאס מוֹיל רֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין זֵיי שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן אוּן שְׁרַייעֶן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן גָלוּת, אוּן דַאן הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב "פֶּסַח - פֶּה סָח", דָאס מוֹיל זָאל אָנְהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער וִויפִיל עֶר קֶען, מֶער אָדֶער וֵוייניגֶער, אָבֶּער זַיין שְׁטַארְק מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ׳אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת אוּן פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, מִיר וֶועלְן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אֱמֶת׳עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וָאֵרָא תשס"ז-תשס"ו)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# שאלות ותשובות פאנעל פון די חשובע כולל אינגעלייט מיט די געטרייע הצלה וואלענטירן

אין א ערשטמאליגע דערגרייכונג, איז פארגעקומען א גאר וויכטיגע שאלות ותשובות פאנעל, ביים בית הוראה שטיבל אין שטעטל וואו מען איז אדורכגעאנגען גאר וויכטיגע נושאים וואס איז נוגע פאר די הצלה וואלענטירן וואס לויפן אויף הצלה רופן אין שבת קודש.

דער פאנעל איז פארגעקומען פארגאנגענעם דינסטאג ויחי, מען האט זיך צאמגעזעצט די חשובע אברכי הכולל, צוזאמען מיט די געטרייע הצלה וואלענטירן פון שטעטל, ווי אויך האט מען געהאט די זכי׳ אז דער ראש ישיבה איז ספעציעל געקומען צו פארן פאר דעם צוועק כדי דאס צו קענען מיטהאלטן.

דער ראש ישיבה האט געשטעלט איינע פון די חשובע אינגעלייט פון כולל מו"ה הערשל בוים הי"ו זאל פארלייגן די שאלות וואס מען וויל דורכרעדן, און אזוי איז מען דורכגעגאנגען פאר דריי שעה גאר אסאך וויכטיגע שאלות.

ר׳ הערשל האט פארגעשטעלט די שאלה פאר די הצלה וואלענטירן און די וואלענטירן האבן אויסגעשמועסט די פראקטיק דערפון, און אזוי אויך האבן זיי געוויזן די מאשינען מיט וואס מען באנוצט זיך אפט על כל צרה שלא תבא.

נאכן דורכגיין א גרויסע ליסטע פון הלכות איז מען ברוך השם ארויסגעקומען זייער קלאר וויאזוי מען האט זיך צו פירן. געוויסע שאלות האט דער ראש ישיבה געזאגט פארן דיין שליט"א זאל דאס אדורכגיין, און דערנאך שרייבן אויף דעם א תשובה וויאזוי מען דארף זיך צו פירן ביי דעם פאל.

שפעטער האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרוקט: "עס איז מיר געווען א פארגעניגן צו זען ווי די כולל אינגעלייט מיטן דיין שליט"א זענען אזוי קלאר אין די הלכות אויף למעשה, און אויך די אינגעלייט וואס זענען הצלה וואלענטירן זענען אויך אויסגעקאכט אין די הלכות נישט צו נכשל ווערן אין חילול שבת".

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט: "דער כולל איז מיר א מתנה פונעם אייבערשטן, און דער ראש הכולל, דער דיין - איז אויך א מתנה פאר די גאנצע קהילה".

**אוהב ד׳ שערי ציון - שערים המצויינים בהלכה.**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה נחום בערגער** הי"ו מאנצסטער
**צו די שמחה פון זיין חתונה למזל טוב עב"ג**

***

החתן **אהרן יוסף קליין** הי"ו קרית יואל
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

החתן **יוסף פאנעט** הי"ו ירושלים
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **יואל משה עזרא פליישמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**
הבחור **חיים זאנוויל** ני"ו

***

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**
הבחור **אליעזר יהודה** ני"ו

***

מו"ה **שמואל זאנוויל גרינבוים** הי"ו לעיקוואד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה וויינבערגער** הי"ו אלעד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל יצחק לעבאוויטש** הי"ו ירושלים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון נייששטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אייזיק קאהן** הי"ו דזשעזי סיטי
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **בערל שווארץ** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו בארא פארק
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה ני"ו למזל טוב**


## שובבי"ם

**וואס איז תיקון שובבי"ם? וואס האט עס מיט מיר? הערט א שיינעם שיעור אויף דעם ענין**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 1, 55**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090